בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת גליון

## פאר'ן שבת טיש



פרשת לך לך
י מרחשון
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 5
(57)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, שַׁבַּת שׁוּבָה, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶועגֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה י, מִבֶּערְגִיר וְעָנִי.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר.

דֶער בָּחוּר, דֶער בֶּערְגִיר'ס זוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין מִדְבָּר, עֶר הָאט בַּאהאלְטְן דֶעם כְּתַב וָואס זִי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אִין אַ בּוֹים, דֶערְנָאךְ אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט אוּן צֶעבְּרָאכְן אַלֶע בֵּיימֶער, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי סִימָנִים פַאר עֶטְלִיכֶע קֶענִיגְן. דֶערְנָאךְ אִיז עֶר צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם מִדְבָּר, יֶעדְן טָאג אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זוּכְן דֶעם כְּתַב. בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין דֶער שְׁלֶעכְטֶער קֵיסָר וָואס אִיז קוֹדֶם גֶעוֶוען אַן אָרֶעמַאן אוּן דֶער בֶּערְגִיר - דֶער בָּחוּר'ס טַאטֶע - הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים; עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט פַּאר'ן בָּחוּר וֶוער עֶר אִיז. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער קֵיסָר'ס טָאכְטֶער אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין זַייעֶנְדִיג פַארְשְׁטֶעלְט ווִי אַ מַאן, זִי הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעוָואלְט אַנְטְפְּלֶעקְן וֶוער זִי אִיז. דֶער בָּחוּר אִיז גֶעוֶוען דֶער אָנְפִירֶער צְווִישְׁן זֵיי.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אוּן דֶער בָּחוּר אִיז זַיין סֵדֶר גִיוֶוען. עֶר פְלֶעגְט אַלֶע טָאג גֵיין. אוּן הָאט זִיךְ אֵיין סִימָן גִימַאכְט אִין דְרַיי בֵּיימֶער. אוּן הָאט דָארְט גִיזוּכְט דָאס כְּתַב. וָוארִין סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אַלְפֵי אֲלָפִים בֵּיימֶער. פְלֶעגְט עֶר זִיךְ מַאכִין אֵיין סִימָן אִין דְרַיי בֵּיימֶער. וָואס עֶר הָאט גִיזוּכְט. כְּדֵי עֶר זָאל שׁוֹין מָארְגִין נִיט בַּאדַארְפִין זוּכִין אִין דִי דְרַיי בֵּיימֶער. אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר טָאן אַלֶע טָאג. טָאמֶער פַארְט וֶועט עֶר גִיפִינֶען דָאס כְּתַב. (דְהַיְינוּ דָאס כְּתַב וָואס זִי הָאט אִים גִישִׁיקְט וָואס סֶע אִיז בַּיי אִים פַארְפַאלִין גִיוָוארִין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער כַּנַּ"ל) אוּן אַז עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אוּמְקֶערִין פוּן דָארְט פְלֶעגְט עֶר קוּמֶען מִיט פַארְוֵויינְטֶע אוֹיגְן. וָוארִין עֶר פְלֶעגְט וֵויינֶען. אַז עֶר הָאט גִיזוּכְט אוּן הָאט נִישְׁט גִיקֶענְט גִיפִינֶען.

<<<

## שִׂיחוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### 'תְּפִלָּה בְּלִי כַּוָּונָה'...

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: מֶען קְלַאפְּט אַרָאפּ מֶענְטְשְׁן, דַיין דַאוֶוענֶען אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, וַוייל עֶס אִיז 'תְּפִלָּה בְּלִי כַּוָּנָה'... וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מֶענְטְשְׁן?! לָאז אִים דַאוֶוענֶען, בַּאלְד קוּמְט עֶר מֶער נִישְׁט דַאוֶוענֶען!

### ווִיפִיל מָאל זָאל עֶר אִיבֶּער דַאוֶוענֶען?!...

דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד אִין כִּתָּה ט', הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אִיךְ הָאבּ נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט, פְלֶעג אִיךְ רֶעדְן אַזֶעלְכֶע סָארְט דִיבּוּרִים, "אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרָכָה בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה הָאט מֶען נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען", "אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין בַּיי דֶעם פָּסוּק (פְּסוּקֵי דְזִמְרָה): 'פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ' הָאט מֶען נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען", הַיינְט רֶעד אִיךְ נִישְׁט דִי סָארְט דִיבּוּרִים, וַוייל ווִיפִיל מָאל זָאל עֶר אִיבֶּער דַאוֶוענֶען?!... אַז דוּ ווֵייסְט נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן הָאסְטוּ נִישְׁט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן, נָאר דָאס אַז אוֹיבּ מֶען הָאט עֶפֶּעס גֶעטוּן הָאט מֶען נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען...

### דָאס אִיז דָאךְ דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ אִינְגְל פוּן עֶלֶעף יָאר פְלֶעג אִיךְ צוּקוּקְן ווִי גֶעווִיסֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים וֵויינֶען שְׁטַארְק בַּיי דֶעם שְׁטִיקְל פוּן: "אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ כָּתְבֵנוּ בְּסֵפֶר פַּרְנָסָה וְכַלְכָּלָה", הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'נֶעבֶּעךְ, עֶר דַאוֶוענְט פַאר פַּרְנָסָה, עֶר הָאט נִישְׁט עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס אוֹיף וָואס צוּ דַאוֶוענֶען?!' וֶוען אִיךְ בִּין עֶלְטֶער גֶעוָוארְן פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין: 'דָאס אִיז דָאךְ דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ, עֶר וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר דַארְף פַּרְנָסָה, צוּ וֶועמֶען דֶען זָאל עֶר גֵיין? צוּ וֶועמֶען דֶען זָאל עֶר זִיךְ וֶוענְדְן?!

### שְׁפַּייז מִיר אַזוֹי ווִי אַ הוּנְט

אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס אִיז פְּשַׁט אִין דֶעם תִיקוּנֵי זֹהַר (תִּקּוּן ו) וָואס זָאגְט: וֶוער עֶס בֶּעט אוֹיף גַשְׁמִיוּת אוּם יוֹם כִּפּוּרִים שְׁרֵייט אַזוֹי ווִי אַ הוּנְט, זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז אַ בּוּשָׁה צוּ בֶּעטְן אוֹיף גַשְׁמִיוּת. הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעעֶנְטְפֶערְט: מוֹהֲרַא"ש הָאט גֶעזָאגְט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע פְּשַׁט אוֹיף דֶעם (עַיֵּין אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק עח, מִכְתָּב יז אֶלֶף, יח), דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (בָּבָא בַּתְרָא ח.) אִין רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ צַייטְן אִיז גֶעוֶוען אַ הוּנְגֶער, רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר רַייךְ, הָאט עֶר גֶעעֶפֶענְט זַיינֶע אוֹצְרוֹת

<<<

## רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קֶער מִיר צוּרִיק צוּם כְּתַב

מִיר הָאבְּן שׁוֹין כַּמָּה פְּעָמִים גֶערֶעדְט דֶערְפוּן, דִי דְרֵיי בֵּיימֶער גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיף דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת וָואס דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה הָאבְּן מְתַקֵן גֶעוֶוען, שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב (עַיֵין בְּרָכוֹת לג.), אַ אִיד דַארְף דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת וָואס דֶעמָאלְט בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, בִּרְכַּת הֲשִׁיבֵנוּ): "**הֲשִׁיבֵנוּ אָבִינוּ לְתוֹרָתֶךָ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קֶער מִיר צוּרִיק צוּם כְּתַב, קֶער מִיר צוּרִיק צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה**", מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, אוּן גְלֵייבְּן אַז אֶפְשָׁר דָאךְ וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן דֶעם כְּתַב אוּן קֶענֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט (דְהַיְינוּ דֶער קֵיסָר מִיט דֶער יְפַת תּוֹאַר) וָואס זוּכְסְטוּ צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער. אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְסְטוּ צוּרִיק מִיט פַארְוֵויינְטֶע אוֹיגִין. הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. כַּאֲשֶׁר דִי בַּת קֵיסָר (דְהַיְינוּ דִי יְפַת תּוֹאַר) הָאט אִים גִישִׁיקְט אַ כְּתַב. הָאט עֶר עֶס בַּאהַאלְטִין אִין אֵיין בּוֹים פוּן דִי בֵּיימֶער אִיז גִיקוּמֶען אֵיין שְׁטוּרֶעם וִוינְט וְכוּ' כַּנַ"ל הַיינְט זוּכְט עֶר טָאמֶער וֶועט עֶר עֶס גִיפִינֶען. הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט. מָארְגִין אַז דוּ וֶועסְט גֵיין זוּכִין וֶועלִין מִיר מִיט דִיר אוֹיךְ גֵיין. טָאמֶער וֶועלִין מִיר גִיפִינֶען דָאס כְּתַב. אִיז אַזוֹי גִיוֶוען. זֶענֶען זֵיי מִיט אִים אוֹיךְ גִיגַאנְגֶען. הָאט דִי בַּת קֵיסָר גִיפוּנֶען דָאס כְּתַב אִין אֵיין בּוֹים. אוּן זִי הָאט עֶס אוֹיף גִיעֶפִינְט. הָאט זִי גִיזֶעהְן. אַז דָאס אִיז אִיר אֵייגִין כְּתַב פוּן אִיר הַאנְט.

הָאט זִי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. אַז זִי וֶועט אִים תֵּיכֶּף אוֹיס זָאגִין. אַז זִי אִיז דָאס אַלֵיין. אַז זִי וֶועט זִיךְ וִוידֶער אוֹיסְטָאן דִי קְלֵיידֶער. אוּן וֶועט זִיךְ וִוידֶער אוּמְקֶערִין צוּ אִיר שֵׁיינְקֵייט. אוּן זִי וֶועט וִוידֶער זַיין אַ יְפַת תּוֹאַר אַזוֹי וִוי פְרִיר. קָאן עֶר זִיךְ אַנִידֶער פַאלְן אוּן אוֹיס גֵיין. אוּן זִי וִויל סֶע זָאל זַיין בְּכַשְׁרוּת כְּדַת (כְּלוֹמַר נֶעמֶען קָאן זִי אִים דָא נִיט אִין דֶער מִדְבָּר וָוארִין זִי בַּאדַארְף מִיט אִים חַתּוּנָה הָאבִּין אַזוֹי וִוי סֶע קֶער צוּ זַיין) אִיז זִי גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אִים אוּמְגִיקֶערְט דָאס כְּתַב אוּן זִי הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט אַז זִי הָאט גִיפוּנֶען דָאס כְּתַב. (כְּלוֹמַר דָאס הָאט זִי אִים נָאךְ נִיט אוֹיס גִיזָאגְט אַז זִי אִיז דָאס אַלֵיין נָאר זִי הָאט אִים סְתַם גִיזָאגְט אַז זִי הָאט דָאס כְּתַב גִיפוּנֶען) אִיז עֶר תֵּיכֶּף אַנִידֶער גִיפַאלִין אוּן אִיז גִיבְּלִיבְּן חַלָּשׁוּת. הָאבִּין זֵיי אִים דֶערְמִינְטֶערְט. אִיז צְוִוישְׁן זֵיי גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

### וִוי נָאר עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ חַבֵר הָאט עֶר עֶס בַּאלְד גֶעטְרָאפְן

דָא לִיגְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, דָא אִיז מְרוּמָז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הָאבְּן חֲבֵרִים; דֶער בֶּערְגִיר'ס זוּן הָאט שׁוֹין פַארְבְּרֶענְגְט לַאנְגֶע יָארְן זוּכְנְדִיג דֶעם כְּתַב, אוּן הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפוּנֶען, אָבֶּער וִוי נָאר עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ חַבֵר וָואס הָאט אִים גֶעהָאלְפְן זוּכְן דֶעם כְּתַב הָאט עֶר עֶס בַּאלְד גֶעפוּנֶען, זֶעט מֶען וָואס אַ גוּטֶער חַבֵר מַאכְט אוֹיס.

### אוֹיב מֶען שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּן דִי וַוייבּ - דָאס אִיז תְּשׁוּבָה...

מֶען דַארְף הָאבְּן אַ גוּטֶער חַבֵר, אַ גוּטֶער חַבֵר אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלְץ נָאכְזָאגְן דֶעם מֶדְרָשׁ (וַיִקְרָא רַבָּה, י, ה) וָואס דֶערְצֵיילְט וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אָדָם הָרִאשׁוֹן, וֶוען עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן דִי עֵץ הַדַעַת, עֶר הָאט גֶעגֶעסְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט עֶסְן, אַז עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן זַיין וַוייבּ פַאר הוּנְדֶערְט דְרַייסִיג יָאר נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג וִוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אוֹיבּ מֶען שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּן דִי וַוייבּ - דָאס אִיז תְּשׁוּבָה, אוּן דִי אַלֶע יָארְן וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן זַיין וַוייבּ הָאט עֶר בַּאשַׁאפְן שֵׁדִים אוּן רוּחוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט עַד הַיוֹם הַזֶה דַארְף מֶען נָאךְ פַארְרֶעכְטְן וָואס אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט דֶעמָאלְט פַארְדָארְבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי הָאט עֶס אָנְגֶעהַאלְטְן בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ חַבֵר, זַיין זוּן קַיִן.

### בֵּיידֶע גֵייעֶן אַרִיבֶּער וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער

וָואס הֵייסְט קַיִן אִיז גֶעוֶוען אַ חַבֵר, עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען זַיין זוּן? נָאר וָואס הֵייסְט אַ חַבֵר? אַ חַבֵר מֵיינְט בֵּיידֶע גֵייעֶן אַרִיבֶּער וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוּן זֵיי שְׁטַארְקְן זִיךְ צוּזַאמֶען. דֶערְפַאר בִּיז זַיין זוּן קַיִן הָאט נִישְׁט גֶעהַאט זַיין אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ הָאט אָדָם הָרִאשׁוֹן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מְחַזֵק זַיין מִיט אִים, וִוי אַזוֹי זָאל אָדָם הָרִאשׁוֹן גֵיין צוּ קַיִן זָאגְן עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, קַיִן הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט, אָבֶּער וֶוען קַיִן הָאט גֶעזִינְדִיגְט עֶר הָאט גֶעהַרְגֶ'עט זַיין בְּרוּדֶער הֶבֶל, אִיז אָדָם הָרִאשׁוֹן אִים גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן: "וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט דַיין פַּרְשָׁה פוּן הַרְגְ'נֶען הֶבֶל?" הָאט אִים קַיִן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן", וֶוען אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין זוּן קַיִן אַז עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַּאטְשְׁן אִין פָּנִים אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "אַזוֹי גְרוֹיס אִיז דִי כֹּחַ פוּן תְּשׁוּבָה אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט דֶערְפוּן בִּיז יֶעצְט?! הוּנְדֶערְט דְרַייסִיג יָאר זָאל אִיךְ נִישְׁט וִויסְן מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן?!" דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען שַׁבָּת, הָאט עֶר גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם קַאפִּיטְל (תְּהִלִּים צב, א): "**מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת, טוֹב לְהֹדוֹת לַה'**", עֶס אִיז גוּט צוּ מוֹדֶה זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן נִישְׁט גוּט. דֶער קַאפִּיטְל הָאט אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶעמַאכְט, נָאר עֶס אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן, הָאט עֶס דָוִד הַמֶלֶךְ דֶערְמַאנְט (אַזוֹי זֶענֶען דָא אַסַאךְ קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס פְרִיעֶרְדִיגֶע הָאבְּן מְתַקֵן גֶעוֶוען נָאר עֶס אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן).

### יָא, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג

אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן דִי זַאךְ מֶען קֶען זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, זַיי מִיר מוֹחֵל!**" פַארְדֶעם הָאט עֶר אַלְץ גֶעוָוארְפְן דֶעם שׁוּלְד אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאסְטוּ גֶעגֶעסְן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "**דִי וַוייבּ וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן הָאט מִיר צוּגֶערֶעדְט דָאס צוּ עֶסְן**", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאסְטוּ גֶעגֶעסְן?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "**דִי שְׁלַאנְג הָאט מִיר אִיבֶּערְגֶערֶעדְט דָאס צוּ עֶסְן**", בֵּיידֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט מוֹדֶה זַיין "יָא אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג", יֶעדֶער הָאט גֶעוָוארְפְן דֶעם שׁוּלְד אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

## אֶפְשָׁר וָואלְסְטוּ זִיךְ גֶעדַארְפְט שְׁטַארְקְן?!

וַוארְפְן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט עֶטְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת וואוּ זִי אִיז גֶעקוּמֶען לוֹיפְן זָאגְן "עֶר אִיז נִישְׁט עֶרְלִיךְ וַוייל עֶר הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה מִיט מִיר, עֶר וָואלְט זִיךְ גֶעדַארְפְט שְׁטַארְקְן", דָאס אִיז נִישְׁט תְּשׁוּבָה וֶוען מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט יֶענֶעם, אֶפְשָׁר וָואלְסְטוּ זִיךְ גֶעדַארְפְט שְׁטַארְקְן?! תְּשׁוּבָה אִיז אַז מֶען אִיז מוֹדֶה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"יָא אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג, אִיךְ בֶּעט דִיר אִיבֶּער זַיי מִיר מוֹחֵל".**

## עֶס אִיז דָא גֶענוּג פְּלַאץ פַאר יֶעדְן!

דֶער קַיִן אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאנְדִיט, עֶר הָאט גֶעהַרְגֶ'עט זַיין בְּרוּדֶער אַלְס מוֹרָא טָאמֶער וֶועט נִישְׁט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן פְּלַאץ פַאר אִים... עֶס אִיז דָא גֶענוּג פְּלַאץ פַאר יֶעדְן! אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ אִינְגֶערְמַאן אִין אוּמַאן, הָאט עֶר צוּ מִיר חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן גֶעוִויסֶע וָואס הָאבְּן גֶעמַאכְט אֵייגֶענֶע מִנְיָנִים אִין אוּמַאן וְכוּ', הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: **"פַארְוָואס מַאכְסְטוּ חוֹזֶק פוּן אַנְדֶערֶע?! מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין פְּלַאץ פַאר פוּפְצִיג טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן, זֵייעֶר גוּט אַז דֶער מַאכְט אַ מִנְיָן אוּן דֶער מַאכְט אַ מִנְיָן, צִי דַארְף מֶען דַאוֶונֶען הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְט מֶענְטְשְׁן אִין אֵיין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ?!"**

## פְּרֵיי זִיךְ אַז דַיין בְּרוּדֶער הָאט אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ

עֶס אִיז דָא גֶענוּג פְּלַאץ פַאר קַיִן אוּן גֶענוּג פְּלַאץ פַאר הֶבֶל, אָבֶער קַיִן אִיז גֶעוָוארְן בְּרוֹגֶז אוֹיף הֶבֶל פַארְוָואס עֶר נֶעמְט צוּ פוּן אִים... עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט זַיין פַארְקֶערְט, פְּרֵיי זִיךְ אַז דַיין בְּרוּדֶער הָאט אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דוּ וָואלְסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט מְסַדֵּר זַיין אַזַא גְרוֹיסֶע עוֹלָם, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אֵיין רָב זָאל קֶענֶען גוּט בַּאהַאנְדְלֶען יֶעדְן אֵיינֶעם פֶּערְזֶענְלִיךְ, יֶעדֶע חֲסִידוּת וֶוערְט צֶעטֵיילְט אוֹיף חֲלָקִים וַוייל עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף הָאבְּן וואוּ צוּ דַאוֶונֶען, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף בַּאקוּמֶען אַן עֲלִיָּה, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף דַאוֶונֶען פַארְ'ן עָמוּד...

## לָאמִיר גֵיין צוּזַאמֶען זוּכְן

דָאס זֶעט מֶען דָא אִין דִי מַעֲשֶׂה, וִוילַאנְג דֶער בָּחוּר אִיז גֶעוֶוען אַלֵיינְס אִיז עֶר אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט פַארְוֵויינְטֶע אוֹיגְן, אָבֶער וִוי נָאר עֶר הָאט גֶעפוּנֶען חֲבֵרִים אוּן זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ זוּךְ דֶעם כְּתַב, לָאמִיר גֵיין צוּזַאמֶען זוּכְן", הָאט עֶר עֶס גֶעפוּנֶען, דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ זוּכְן אַ חַבּוּרָה וואוּ מֶען קֶען רֶעדְן צוּזַאמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

## אַ גַאנְצְן טָאג מִיט פַארְוֵויינְטֶע אוֹיגְן

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַ בָּחוּר, וִוי לַאנְג עֶר גֵייט אַרוּם אַלֵיינְס, עֶר הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, גֵייט עֶר אַ גַאנְצְן טָאג אַרוּם מִיט פַארְוֵויינְטֶע אוֹיגְן, וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה וֶוערְט עֶר פְרֵיילִיךְ אוּן גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער בָּחוּר גִיזָאגְט. וָואס טוֹיג מִיר דָאס כְּתַב וִוי וֶועל אִיךְ זִי שׁוֹין קָאנֶען גִיפִינֶען. זִי אִיז זִיךְ הַיינְט אַ וַודַאי עֶרְגֶעץ בַּיי עֶפֶּעס אַ מֶלֶךְ. (וָוארִין עֶר הָאט גִימֵיינְט אַז זִי אִיז פַארְקוֹיפְט גִיוָוארִין דוּרְךְ דֶעם רוֹצֵחַ אַזוֹי וִוי דֶער קֵיסָר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט) נָאךְ וָואס טוֹיג מִיר דָאס. אִיךְ וֶועל מִיר דָא אִיבֶּער לֶעבִּין מַיינֶע יָארִין. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אִיר אוּמְגִיקֶערְט דָאס כְּתַב. אוּן הָאט צוּ אִיר גִיזָאגְט נַא דִיר דָאס כְּתַב וֶועסְטוּ גֵיין אוּן וֶועסְט זִי נֶעמֶען. (וָוארִין זִי אִיז זִיךְ גִיוֶוען פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אֵיין זָכָר) הָאט זִי זִיךְ גִילָאזְט גֵיין אוּן הָאט אִים גִיבֶּעטִין אַז עֶר זָאל אוֹיךְ מִיט אִיר גֵיין. וָוארִין אִיךְ וֶועל זִי בְּוַודַאי נֶעמֶען. וֶועט זִיךְ מִיר גוּט זַיין. וֶועל אִיךְ דִיר אוֹיךְ אֵיין חֵלֶק גִיבִּין פוּן מַיין גוּטְץ (כְּלוֹמַר דִי בַּת קֵיסָר וָואס זִי אִיז גִיוֶוען פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אֵיין זָכָר הָאט עֶס אַזוֹי גִיזָאגְט צוּ דֶעם בָּחוּר) אוּן דֶער בָּחוּר הָאט גִיזֶעהְן אַז דֶער אִיז אַ חָכָם אוּן עֶר וֶועט זִי בְּוַודַאי נֶעמֶען. אִיז עֶר מְרוּצָה גִיוָוארִין מִיט אִים צוּ גֵיין. (דְהַיְינוּ מִיט דֶער בַּת קֵיסָר וָואס עֶר הָאט גִימֵיינְט אַז זִי אִיז אֵיין זָכָר) אוּן דֶער קֵיסָר אִיז גִיבְּלִיבְּן אַלֵיין. וָוארִין עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט זִיךְ אוּם צוּ קֶערִין. אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין. הָאט זִי אִים גִיבֶּעטִין. אַז עֶר זָאל אוֹיךְ גֵיין וָוארִין עֶר וֶועט זִיךְ בְּוַודַאי נֶעמֶען דִי יְפַת תּוֹאַר. הָאסְטוּ זִיךְ שׁוֹין קֵיין מוֹרָא נִיט צוּ הָאבִּין (כְּלוֹמַר זִי הָאט אִים גִיזָאגְט אִיךְ וֶועל זִיךְ בְּוַודַאי אָפְּזוּכְן דִי יְפַת תּוֹאַר הָאסְטוּ שׁוֹין קֵיין מוֹרָא נִיט צוּ הָאבִּין. וָוארִין דָאס מַזָל וֶועט זִיךְ אוּמְקֶערִין אַז מֶען וֶועט זִי גִיפִינֶען) אוּן מֶען וֶועט דִיךְ אוֹיךְ הֵייסִין אוּם קֶערִין.

## גוּטֶע קַבָּלוֹת לִכְבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר

מִיר זֶענֶען יֶעצְט גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָּה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען לִכְבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר גוּטֶע קַבָּלוֹת זָאלְן עֶס אוֹיסְפִירְן, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אִינְגֶעלַייט שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען, אֵיינֶער הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען צוּ דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, אַ צְוֵוייטֶער הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם. דִי וָואךְ אִיז אַ קְלֵיינֶע סֶדְרָה, פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ. קוּקְט וִוי אַסַאךְ חִיזּוּק מֶען דַארְף נָאךְ הָאבְּן אַז מֶען זָאל יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין וֶוען דָאס אִיז שׁוֹין מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ וֶוען נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן?!

## יֶעדֶער אֵיינֶער טוּט הֲפָצָה...

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, אִיךְ קוּם פוּן גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן הוּנְדֶערְטֶער אֵיינִיקְלֶעךְ - מַמָּשׁ גֶעצֵיילְטֶע פוּן זֵיי פָארְן קַיין אוּמַאן, אִיךְ וָואלְט אוֹיךְ גֶעקֶענְט זַיין וִוי זֵיי, זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע הַפָּצוֹת, יֶעדֶער אֵיינֶער טוּט הֲפָצָה, אֵיינֶער קְלֶעבְּט צֶעטְלֶעךְ קֶעגְן שֵׁייטְלֶעךְ, אֵיינֶער קְלֶעבְּט צֶעטְלֶעךְ קֶעגְן דִי שַׁבָּת עֶלֶעוֶועיטֶער וְכוּ' וְכוּ', אוּן אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ קוּנְטְרֵס וָואס לֶערְנְט אוֹיס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## לֶערְנֶען אִין בְּרֶסְלֶב

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַיין וַוייבּ לָאזְט מִיר גֵיין קַיין אוּמַאן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אַ פְּלַאץ וואו צוּ שִׁיקְן מַיינֶע קִינְדֶער, מַיינֶע קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט טְרַאכְטְן נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה 'דֶער מְלַמֵּד וֶועט גָארְנִישְׁט זָאגְן, אָבֶער וָואס וֶועלְן מַיינֶע חֲבֵרִים זָאגְן אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן...? ' זֵיי לֶערְנֶען דָא אִין בְּרֶסְלֶב, וואו דִי גַאנְצֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

## דִי קְרֶעפְּל אִיז נָאךְ פַארְפְרוֹירְן

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין קָאפּ, עֶר הָאט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעדְרֵייְדְט מַיין קָאפּ פוּן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְט צוּ טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף טְרַאכְטְן; אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַז אַ וַוייבּ אִיז אַ אִיבְּרִיגֶע זַאךְ, זִי אִיז נָאר גֶעמַאכְט צוּ קָאכְן אוּן רוֹימֶען וְכוּ', בַּיי גֶעוִויסֶע מִשְׁפָּחוֹת אֲפִילוּ טַאטֶע אוּן מַאמֶע זֶענֶען גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּם הוֹשַׁעְנָא רַבָּא, וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט דַאוֶונֶען דַארְף דִי קְרֶעפְּלֶעךְ שׁוֹין זַיין גְרֵייט, אַז נִישְׁט זָאגְט מֶען פַאר דִי וַוייבּ: "אָה, עֶס אִיז נִישְׁט גְרֵייט, דִי קְרֶעפְּל אִיז נָאךְ פַארְפְרוֹירְן, דֶעמָאלְט גֵיי אִיךְ יֶעצְט אִין מִקְוֶה..." מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעפְרֶעגְט: "דַיין וַוייבּ אִיז מַסְכִּים, זִי לָאזְט דִיךְ פָארְן קַיין אוּמַאן?" מִיט דֶעם הָאט עֶר מִיר גֶעלֶערְנְט אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ, אוֹיף דִי וַוייבּ, אוֹיף דִי קִינְדֶער.

## 'פְרֶעגְן דִי וַוייבּ?!'...

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אָפְּצוּשֶׁערְן מַיין עֶלְטְסְטֶער זוּן נֵרוֹ יָאִיר הָאט מֶען מִיר גֶע'עֵצָה'ט אִיךְ זָאל מַאכְן דִי חַאלַאקֶע אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אִיךְ בִּין שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי פְרֶעגְן מַיין וַוייבּ", דָאס אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַ חִידּוּשׁ אִין מַיין מִשְׁפָּחָה 'פְרֶעגְן דִי וַוייבּ?!'... אָבֶער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אַוַודַאי דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע, זֵיידֶע בַּאבֶּע וְכַדוֹמֶה, אָבֶער דִי קָאפּ דַארְף זַיין אִין שְׁטוּבּ, לֶעבְן בְּשָׁלוֹם אוּן זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

## אַנְטְשׁוּלְדִיגְט אֵייבֶּערְשְׁטֶער

לָאמִיר אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'נְס דִיבּוּרִים אִין זִיךְ, נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן קֵיינֶעם, דִי וַוייבּ אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, דֶער שְׁלַאנְג אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, "טוֹב לְהֹדוֹת לַה'", עֶס אִיז גוּט צוּ מוֹדֶה זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן נִישְׁט גוּט, מֶען זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אִיךְ בִּין דֶער שׁוּלְד, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג פַאר מַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער"**, דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה, מֶען זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אַנְטְשׁוּלְדִיגְט אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, "אִיךְ בֶּעט דִיךְ אִיבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל אִיךְ גֵיי עֶס מֶער נִישְׁט טוּן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **אוּמַאן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּמַאן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה...**

אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן: "מֶען גֵייט טֵיילְן עֶסְן, נָאר בַּעֲלֵי מִקְרָא, בַּעֲלֵי מִשְׁנָה, בַּעֲלֵי גְמָרָא, בַּעֲלֵי הֲלָכָה, בַּעֲלֵי הַגָּדָה - קֶענֶען אַרַיינְקוּמֶען, עַמֵּי הָאָרֶץ זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען", הָאט זִיךְ רֶבִּי יוֹנָתָן בֶּן עַמְרָם פַארְשְׁטֶעלְט אוּן אַרַיינְגֶעשְׁטִיפְּט אִינֶעוֵוייְנִיג בֶּעטְנְדִיג אַ פָארְצִיֶע, פְרֶעגְט אִים רֶבִּי: "דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "נֵיין!" זָאגְט רֶבִּי: "דֶעמָאלְט גֵיי אַוֶועק", זָאגְט עֶר פַאר רֶבִּי: "אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, אָבֶער פַּרְנְסֵנִי כְּכֶּלֶב, שְׁפַּייז מִיר אַזוֹי וִוי אַ הוּנְט", פוּן דֶעמָאלְט אָן הָאט רֶבִּי גֶעעֶפֶענְט דִי טוֹיעֶרְן פַאר יֶעדְן. דָאס מֵיינְט דֶער תִּיקוּנֵי זֹהַר, אַז מֶען בֶּעט אוֹיף גַשְׁמִיוּת זָאגְט מֶען פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: אִיךְ בִּין טַאקֶע אַ הוּנְט, אָבֶער פַּרְנְסֵנוּ כְּכֶלֶב, אִיךְ הָאבּ יָא גֶעלֶערְנְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט - וָואס אִיז אַ חִילוּק, שְׁפַּייז מִיר וִוי אַ הוּנְט, גֶעבּ מִיר קִינְדֶער וִוי אַ הוּנְט.

## מִיט צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ זוֹהַר שְׁלָאגְט מֶען מֶענְטְשְׁן

מִיט צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ זוֹהַר שְׁלָאגְט מֶען מֶענְטְשְׁן, מִיט דֶעם דֶערְמַאנְטְן תִּיקוּנֵי זֹהַר, אוּן מִיט דֶעם זוֹהַר וָואס זָאגְט (וַיֵּשֶׁב קפח ע"א; וַיְחִי ריט.) וֶוער עֶס הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶער דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר, נָאר אִיךְ, אוּן אִיךְ זָאג אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט קֶען נָאךְ יָא תְּשׁוּבָה טוּן אוּן קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן", זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, זַיי מִיר מוֹחֵל"**, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְלַייךְ מוֹחֵל.

## מֶען פַארְדְרֵייְדְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים

מֶען נֶעמְט הֵיילִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אוּן מֶען פַארְדְרֵייְדְט עֶס, מֶען שְׁלָאגְט דֶערְמִיט מֶענְטְשְׁן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דֶעם מָשָׁל פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מֶען זָאל בֶּעטְן אוֹיף דִי גְאוּלָה [דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט עֶס דֶערְמַאנְט בַּיים 'כָּל נִדְרֵי דְּרָשָׁה', עֶס וֶועט בְּעֶזְר הַשֵּׁם גֶעדְרוּקְט וֶוערְן אִין 'אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל'], מֵיינְט נִישְׁט מֶען זָאל נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף אֵייגֶענֶע זַאכְן, אוֹיף קִינְדֶער, אוֹיף אַ הוֹיז וְכַדוֹמֶה, נָאר דָאס מֵיינְט מֶען זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן אוֹיף דִי גְאוּלָה, אַז מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט עֶס דֶערְמַאנְט בַּיים דַף שִׁיעוּר, יוֹם כִּפּוּר בַּייטָאג, עֶס וֶועט בְּעֶזְר הַשֵּׁם גֶעדְרוּקְט וֶוערְן אִין 'אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל'], אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה אַז עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפַּאסְט אוֹיף עֶסְן, אַוַודַאי הָאט עֶס גֶעגֶעסְן, נָאר עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַ גְמָרָא מַסֶּכֶת סוּכָּה, דָאס דֶערְקְוִויקְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶערוּפְן: **מֶען דַארְף שׁוֹין אַהֵיימְגֵיין, מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין גְרֵייטְן צוּם יוֹם טוֹב, עֶס קוּמְט שׁוֹין סוּכּוֹת!**